# קויפט איר א קאר?

## עצות פאר דעם קאנסומער



אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**

# מיטלען

**ניו יארק סטעיט אפיס פון די אטוירני דזשענעראל, קאנסומער שווינדל ביורא ['ניו יארק סטעיט אפיס און די אטוירני דזשענעראל, קאנסומער פראודס ביורא'] (New York State Office of the Attorney General, Consumer Frauds Bureau)**

(800) 771-7755
ag.ny.gov

**ניו יארק לימענע געזעץ פובליקאציעס ['ניו יארק לעמאן לאו פובליקעישאנס'] (New York Lemon Law Publications)**

ag.ny.gov/newcar-lemonlaws
ag.ny.gov/lemon-laws

**טערמינען וואס מען דארף וואוסן**

***פאבריקאנט'ס פארגעשלאגענע ריטעיל פרייז ['מאניופעקטשורער'ס סודזשעסטעד ריטעיל פרייס'] (“Manufacturer’s Suggested Retail Price) (“MSRP):***
דאס איז די פארקויף פרייז וואס איז רעקאמענדירט דורך דעם פאבריקאנט. רוב קארס ווערן נישט פארקויפט פאר די פרייז.

***אינוואויס פרייז ['אינוואויס פרייס'] (Invoice Price):***

דעם פאבריקאנט'ס ארגינעלע פרייז פאר דעם 'דיעלער'. צוליב דעם וואס דאס איז געווענליך העכער ווי דעם דיעלער'ס פאקטישע קאסט (די דיעלערס באקומען 'ריבעיטס' און אנדערע הנחות), זאל עס נישט ווערן גענוצט אין אויטא רעקלאמעס, אויסער אויב עס שפיגלט אפ דעם דיעלערס' ענדגילטיגע סך הכל קאסט.

***פארלענגערטע וואראנטי אדער סערוויס קאנטראקטן ['עקסטענדעד וואראנטי אר סערוויס קאנטרעקטס'] (Extended Warranties or Service Contracts):***

דאס זענען טייערע און זייער ריווח ווערטפול פאר דעם דיעלער. באקוקט פארזיכטיג צו זען וואס ביידע - דעם פאבריקאנט'ס 'וואראנטי' און די 'פארלענגערטע וואראנטי' דעקן. אפט מאל פאסירט אז די זאכן וואס דארפן אמערסטנס ווארשיינליך פארראכטן ווערן אדער ערזעצט ווערן וועלן נישט זיין געדעקט דורך די 'פארלענגערטע וואראנטי'. א קאפיע פון די טערמינען און תנאים ['טוירמס ענד קאנדישאנס'] (terms and conditions) פון די סערוויס קאנטראקט מוז ווערן צוגעשטעלט דורך די 'דיעלערשיפ'. איר זענט בארעכטיגט צו א פולע ריפאנד, אראפ רעכענענדיג סיי וועלכע באצאלטע קלעימס, אין פארלויף פון צוואנציג טעג פון ווען די סערוויס קאנטראקט איז ארויסגעשיקט געווארן דורך די פאסט, אדער אין פארלויף פון צען טעג אויב די קאנטראקט ווערט איבערגעגעבן אין די זעלבע צייט ווי דער פארקויף.

***טייערע ניו יארקער,***

דאס גיין איינקויפן א קאר, א נייע אדער א געניצטע, קען זיין א אומגעהויערע ערפארונג. ווי מער אינפארמאציע איר האט, אלס ווייניגער זענען די שאנסן אז איר וועט ווערן געדרוקט צו מאכן א באשלוס וואס איר וועט דערנאך באדויערן.

פאלגענד זענען עטליכע עצות אייך צו העלפן צוזאם נעמען די אינפארמאציע וואס איר דארפט בעפאר איר מאכט דעם וויכטיגן איינקויף. דאס זיין א שטארק אינפארמירטער קאנסומער וועט אייך העלפן בלייבן אינעם דרייווער'ס זיץ.... בעפאר און נאכדעם וואס איר מאכט דעם געשעפט.

מיט שעצונג,

Letitia James



אטוירני דשענעראל פון ניו יארק
**לעטישע דזשעימס**

## ווייסט אייער פרייז ראנג

בעפאר איר הייבט זיך אן אומקוקן אויף קארס, באשליסט וואס איר קענט זיך ערלויבן צו צאלן. נעמט אין באטראכט:

- וויפיל האט איר ביי די האנט אראפצולייגן באצאלט פון פאראויס, און קעש און/אדער צו איינטויש ['טרעיד-אינס'] (trade-ins)?
- אויב איר גייט זיך בארגן געלט, וואס איז די העכסטע מאנאטליכע צאלונג וואס איר קענט זיך ערלויבן? נעמט אין באטראכט די איינקונפט וואס איר נעמט אהיים, לעבנס קאסטן, און סיי וועלכע חוב וואס איר זענט איצט שולדיג.

## אויסוועלן א קאר

- טוט אביסל פארשונג. וועבזייטלעך, אזוי ווי 'קאנסומער ריפארטס' (Consumer Reports), אנטהאלטן באריכטן אויף די פארלעסליכקייט און ווערד פון נייע און גענוצטע קארס איבער עטליכע מאדעל יארן. זיי טוען אויך פארגלייכן פונקציעס אייך צו העלפן אויסוועלן א פירמע און מאדעל ['מעיק ענד מאדעל'] (make and model).
- אנדערע קוועלער, אזוי ווי **edmunds.com** אדער 'קעללי בלו בוק' (**kbb.com** ، Kelley Blue Book) רעקארדירן די פרייז פון נייע און גענוצטע קארס. געוויסע פארשונגען ציינן אן אז קאנסומערס וואס טוען פארזיכטיגע נאכפארשן די פרייז פון קארס צאלן א דורכשניט פון 5% ווייניגער ווי קאנסומערס וואס האבן נישט.
- מאכט א פראבע דרייוו ['טעסט דרייוו'] (test drive) מיט סיי וועלכע קאר אין וועלכן איר זענט אינטערעסירט, אריינגערעכנט דרייוון אויף פארשידענע סארט שאסיי אומשטענדן.

## אויסוועהלן א דיעלער

- קוקט נאך ביי די 'בעטער ביזנעס ביורא' (Better Business Bureau) צו געוואר ווערן אויב דער דיעלער האט א גוטע רעפוטאציע.
- באזוכט וועבזייטלעך וואס קוקן איבער (review) 'דיעלערשיפס' צו זען וואס אנדערע קאסטומערס זאגן.
- נעמט איר אין באטראכט צו קויפן א גענוצטע קאר פון א פריוואטע פארקויפער? איר קענט מעגליך טרעפן א ביליגערע פרייז, אבער אזא פארקויף איז נישט געדעקט דורך די גענוצטע קאר לימענע געזעץ ['יוזד קאר לעמאן לאו'] (Used Car Lemon Law), וואס שטעלט צו וויכטיגע באשיצונגען.

## אונטערשרייבן א קאנטראקט

- לאזט אייך נישט פון שוועריע-דרוק פארקויף טאקטיקן; האט נישט מורא צו ארויסשפאצירן פון די דיעלערשיפ אויב איר שפירט אזוי ווי איר ווערט מאניפולירט.
- גיבט אכטונג פון "בלויז אייך טאג" געשעפטן 'דיעלס' (deals).
- נעמט אייך די צייט דורך צו ליינען דעם קאנטראקט. מאכט זיכער אז אלע מינדליכע פארשפרעכונגען זענען אויסגערעכנט אין אייער שריפטליכן קאנטראקט. אויב עס פעלט אויס, נעמט מיט אייך דעם קאנטראקט בעפאר'ן אונטערשרייבן, און לייענט עס איבער אין די שטילקייט פון אייער אייגענע היים.
- מאכט זיכער אז די קאר'ס סיריעל נומער שטימט מיט די נומער אויף אייער קאנטראקט.

## נעמט איר אין באטראכט א גענוצטע קאר?

- גייט צו א באגלייבטן מעכאניקער צו אונטער זוכן א גענוצטע קאר בעפאר איר קויפט עס.
- נוצט אן אנליין סערוויס, אזוי ווי 'קארפעקס. קאם' (CarFax. com), צו טרעפן עקסידענטן און פארריכטונגען רעקארדס, אריינגערעכנט אויב א קאר איז געווארן דעקלערט 'סאלוועדזש' (salvage), אדער צי עס איז געווארן באשטעטיגט אלץ "לעמאן" ("lemon"), אדער אויב עס זענען דא פראבלעמען מיט דעם 'אדאמיטער' (odometer).

## זייט וואכזאם איבער 'אדאמיטער' טשעפעריי (odometer tampering)

- באקוקט דעם 'טייטל' (title) פארזיכטיג פאר אומגלייכקייטן, אויסמעקונגען, און צו עס זעט אויס ווי נומערן זענען איבער געשריבן געווארן;
- זייט פארזיכטיג וואכזאם אויף 'טייטלס' (titles) וואס דערקלערן "נישט די פאקטישע מיילך" ["נאט די עקטשועל מיילעדש"] ("NOT THE ACTUAL MILEAGE") - אן ערקלערונג אז אן 'אדאמיטער' (odometer) איז שוין פריער געווארן אפגעהאקט אדער געשעדיגט איז מעגליך נישט אמת;
- קוקט נאך אויב ס'איז פאראן סימנים פון טשעפערייען 'טעמפערינג' (tampering) - א לויזן 'דעשבאורד' (dashboard), א צובראכענע 'ספידאמיטער' (speedometer), ציפערן אויף די לינקע זייט וואס שטייען נישט גלייך.

## אייננטויש ['טרעיד-אינס'] (trade-ins)

- טוישט איר איין אייער יעצטיגע קאר? געדענקט: א הנחה אויף די פארקויף פרייז ווערט צומאל אפגעווישט דורך'ן אונטערע שאצן די ווערד פון די איינטויש ['טרעיד-אין'] (trade-in) קאר, אדער רעכענען א העכערע אינטערעסט ראטע.
- נעמט פרייזן אויף די ווערד פון די איינטויש ['טרעיד-אין'] (trade-in) קאר פון עטליכע דיעלערס.
- זוכט נאך וועבזייטלעך אדער פובליקאציעס אזוי ווי די אפיציעלע ען.עי.די.עי. גענוצטע קאר וועגווייזער ['ען.עי.די.עי. אפישעל יוזד קאר גייד'] (**nadaguides.com**) (N.A.D.A. Official Used Car Guide) אדער 'קעללי בלו בוק' (Kelley Blue Book) פאר פארשלאגן אויף די ווערד פון איינטויש ['טרעיד-אין'] (trade-in) קארס.

## פינאנצירונג

- זוכט נאך פרייזן פאר פינאנצירן. אפט מאל וועט אייער אייגענע באנק אייך "פאראויס-קוואליפיצירן" ["פרי-קוואליפיי"] ("prequalify") פאר א הלוואה. נוצט דאס צו פארגלייכן אנדערע פארשלאגן.
- צומאל מאכן דיעלערס גרעסערע רייוווחים אויף פינאנצירן, ווי דאס וואס זיי פארדינען אויף די קאר זעלבסט, דעריבער פארהאנדלט איבער די פינאנץ קאסטן.
- אויב האט איר קרעדיט פראבלעמען, איז מעגליך אז איר וועט נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען די אנאנסירטע פינאנצירונג.
- האלט אן אויג אויף א 'באלאן' אפצאל 'באלאן' פעימענט' (balloon payment), דאס איז א גרויסע אפצאל וואס ווערט פעליג ביי די ענדע פון די פינאנץ אפמאך.
- איר זאלט אלעמאל וואוסן די סך הכל סומע וואס איר באצאלט פאר די קאר, אריינגערעכנט אינטערעסט, און נישט בלויז די מאנאטליכע צאלונגען.

## 'ריפאנדס' (Refunds) פון דעפאזיטס

אסאך קאנסומערס מיינען בטעות אז זיי זענען בארעכטיגט צו א 'ריפאנד' (refund) פון זייער דעפאזיט אויב זיי באשליסן נישט צו קויפן א קאר. אבער, עס איז נישט דא קיין רעכט זיך צו ארויס צו ציען פון א קאנטראקט, אויסער אויב דער דיעלער פארפעלט ארויס צו שטעלן די ריפאנד פאליסי ווי מען קען עס זעהן. אויב דער דיעלער העלפט אייך צו אראנדשירן פינאנצירונג און איר האט נישט אפגענומען די קאר, קענט איר זיך ארויס ציען סיי ווען בעפאר'ן אונטערשרייבן א פינאנץ אפמאך, און באקומען א פולען ריפאנד.